# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**




געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**


שנה ד' גליון מ"ה | ויחי - שמות תש"פ

אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:

# אֵין אָדָם שׁוֹמֵעַ לִי וּמַפְסִיד

ו'

שטוינענדע מעשיות פון אונזערע צייטן וועלכע איבערציגן אונז איינמאל און נאכאמאל אז **פון שמירת עינים דערלייגט מען נישט!**

**סיפור #19**

## דער אפגעזאגטער טעכנישען

עס דערציילט א חשובער יונגערמאן זיין פערזענליכע וואונדערליכע איבערלעבעניש וואס האט זיך מיט אים אפגעשפילט נישט לאנג צוריק:

קודם וויל איך אויסדריקן א גרויסן יישר כח אויף די הערליכע גליונות אויף שמירת עינים מיט'ן געוואלדיגן חיזוק וואס זיי בלאזן אריין, אזוי אויך די קלארע הלכות אויף שמירת עינים, וואס איז מיר שוין שטארק צוניץ געקומען. דער אויבערשטער זאל אייך געבן כח אנצוגיין ווייטער. מ'קען זאגן אז דער ענין איז ממש א מת מצוה, מ'טרעפט כמעט נישט אז מ'זאל רעדן דערפון אזוי סאך. בפרט מיט די קלארע הלכות, וואו ס'ווערט קלאר ארויסגעברענגט וואס איז א הלכה און וואס איז א חומרא, וואס איז מותר און וואס איז אסור.

איך האב געוואלט ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר אייך מיט'ן איבערגעבן מיין פערזענליכע געשיכטע אויף שמירת עינים, וואו אייער גליון האט געהאט א גרויסן חלק דערין. די מעשה בין איך מפרסם נאכדעם וואס א חשוב'ער מורא הוראה שליט"א האט מיך מייעץ געווען דאס צו פארשפרייטן, כדי אנדערע אידן זאלן ארויסנעמען פון דעם אז דורכ'ן זיך האלטן פעסט מיט אידישקייט דערלייגט מען נישט, ווי די הבטחה פונעם הייליגן באשעפער, "אין אדם שומע לי ומפסיד".

~

ס'איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק, איך בין געווען א יונגערמאן קורץ נאך דער חתונה און געזוכט א קוואל פון וואו צו ברענגען פרנסה. איך האב מיך געלערנט דעם פאך פון קאפיוטער טעכניק, און איך האב ב"ה שטארק מצליח געווען אין דעם פעלד, און געטראפן א שטעלע ביי א פיינעם בעל הבית, א חסיד'ישער איד, וואו איך האב באקומען שיין באצאלט. זעענדיג אז איך בין מצליח אין מיין ארבעט, האט ער מיר געגעבן א העכערע פאזיציע מיט א גרעסערן געהאלט, און איך בין פארשטייט זיך געווען שטארק צופרידן.

אין א טאג האט מיין בעל הבית מחליט געווען ארומצוטוישן געוויסע ארבעטער. ער רופט מיך אריין, און ער זאגט מיר אז ער וויל איך זאל גיין ארבעטן אין אן אנדערן צימער וואו ס'ארבעט א נישט אידישע פרוי, אויך א קאמפיוטער טעכנישען, און דאס וועט זיין א תועלת פאר דער פירמע, וויבאלד מיר טועןביידע די זעלבע זאך.

איך האב אים גלייך געזאגט אז איך קען נישט איינגיין אויף אזא זאך, איך בין א חסיד'ישער יונגערמאן און ס'קומט נישט אין באטראכט איך זאל ארבעטן אין איין צימער מיט א פרוי. מיין בעל הבית האט מיר אבער אנגעפאנגען מסביר זיין אז דאס איז זייער וויכטיג און וועט ברענגען א שטארקע ניצן פאר דער פירמע, און בנוגע מיין פראבלעם צו ארבעטן אינאיינעם מיט איר, וועט ער אריינשטעלן דארט נאך א יונגערמאן, אזוי אז ס'וועט נישט זיין קיין שאלה מיט יחוד.

איך האב געקענט יענעם יונגערמאן, בכלל נישט פונעם זעלבן קרייז ווי מיר, איך האב געוואוסט אז ביי זיי איז דאס התנהגות אין די ענינים אינגאנצן נישט אויפ'ן וועג וואס מ'האט

## מכתב התחזקות:

דער קלוגער מהלך:
# טראכטן אז מ'האט נישט קיין אינטערעסע צו זען

**לכבוד המערכת החשובה "טהור עינים"**

אין די לעצטערע גליונות איז עטליכע מאל ארויסגעברענגט געווארן אין די מכתבים די געוואלדיגע עצה פאר שמירת עינים צו טראכטן, "איך בין בכלל נישט אינטערעסירט צו זען", ווי איידער זיך שלאגן מיט די מחשבות. איך שפיר אבער אז די נקודה איז נישט געווען גענוג קלאר, איך וועל דאס פרובירן בעסער מסביר צו זיין, לתועלת הרבים.

ס'זענען דא מענטשן וואס זענען טאקע אנטשלאסן ביי זיך אינעווייניג צו היטן די אויגן און זענען גרייט צו טון אלעס וואס זיי קענען דערצו, אבער ס'איז אויף אן אופן פון א מלחמה מיט זיך אליין. גייענדיג אויף דער גאס זענען זיי עוסק א גאנצע צייט זיך צו שלאגן, נישט קוקן אויף דעם, נישט קוקן אויף יענץ, וואס דאס איז זיי גורם אן אינערליכע צוריסנקייט, און אויב באמערקט ער עפעס, איז יעצט דא א פרישע מלחמה אפצושטילן זיין מחשבות נישט צו טראכטן דערפון. אזוי שלאגט ער זיך דעם גאנצן וועג, ביז ער קומט אן און אטעמט אפ פון זיין שווערער הארעוואניע.

דאס איז נישט די ריכטיגע צוגאנג צו שמירת עינים, ווייל צו זיין שטענדיג פארנומען מיט'ן זיך קריגן דארף מען האבן גאר שטארקע כוחות, וואס נישט אלעמאל האט מען דאס, און בהמשך הזמן קען דער מענטש אויך פילן אויסגעברענט און שפירן ווילאנג וועט ער זיך דא פלאגן אזוי.

דער קלוגער מהלך איז - וואס איז מבואר אין אסאך ספרים הק' - אז א מענטש זאל קענען גיין אויף דער גאס מיט א רואיגקייט, און בכלל נישט זיין אינטערעסירט צו זען די הבלים ארום אים.

המשך אויף זייט 3

מיך מחנך געווען, צו שטיין ווייט און אנטלויפן פון יעדער זאך וואס שמעקט נישט מיט קדושה, און איך האב פארשטאנען אז ער וועט מיר זיין גאנץ א קנאפע ישועה. איך האב געהאפט אז ווען מיין בעל הבית וועט זען אז דער עסק איז מיר שטארק אומבא'טעמ'ט וועט ער זיך אפלאזן דערפון, דערוויל האט ער מיר געדרוקט צו דער וואנט אז איך מוז מיך פלאצירן דארט, אריינגייענדיג אין פלפולים אין הלכות יחוד אז ס'איז נישט דא דערביי קיין שום פראבלעם. זעענדיג אז איך האב נישט קיין ברירה, האב איך אים פארשפראכן צו עס גיין דורכרעדן מיט מיין מורה הוראה.

נאכ'ן אויסהערן די שאלה מיט אלע אירע צדדים האט מיר דער מורה הוראה, וועלכער איז שטארק באהאוונט מיט'ן היינטיגן מציאות אין אפיסעס וכדומה, געענטפערט, אז אז בנוגע יחוד איז טאקע נישט דא קיין פראבלעם, אבער פון ערפארונג ווייסט ער אז ס'קענען ארויסקומען גרויסע מכשולות ה"י פון אזעלכע זאכן, און דעריבער עצה'ט ער מיר דאס נישט צו טון.

איך בין צוריקגעגאנגען צו מיין בעל הבית, און אים איבערגעגעבן וואס מיין מורה הוראה האט מיר געענטפערט. אבער אנשטאט בייגן דעם קאפ צום דעת תורה איז ער געווארן אינגאנצן בייז אויף מיר. "וועמען האסטו געפרעגט? גיי צו רבי פלוני, וועסטו הערן די ריכטיגע תשובה!"

איך האב מיך געטראפן אין א שווערער פארלעגנהייט. דא בין איך א פרישער יונגערמאן מיט א גוטן פאך אין דער האנט וואס קוקט ארויס מצליח צו זיין, און דא מוז איך מיך קריגן מיט מיין חסיד'ישן בעל הבית איבער אידישקייט ענינים. יא, מ'קען אפשר טרעפן א היתר, אבער איז דען דאס דער רצון ה'?

דער אמת איז אז יענער איז גראדע א חסיד'ישער יונגערמאן, ווייזט אבער אויס אז זיין תאוות הממון און רייץ פאר ביזנעס סוקסעס איז געשטאנען ביי אים וויכטיגער ווי מיין קדושה. ווי ס'שיינט האט מען פארגעסן איבערצוגעבן ביי די "קאנסאלטינג קלאסן" דעם וויכטיגן "ביזנעס טיפ" אז סוקסעס קומט נאר פון דעם וואס שפייזט די גאנצע וועלט...

נאכ'ן פרובירן זיך איינ'טענה'ן מיט אים האב איך איינגעזען אז איך וועל אים נישט רירן, ער האלט זיך ביי דעם זייניגן. באין ברירה האב איך אנגענומען זיין פארלאנג, און אריין אין יענעם צימער ארבעטן צוזאמען מיט דער פרוי און דעם אנדערן יונגערמאן. דאס האט אבער אנגעהאלטן בלויז עטליכע טעג. איך האב גאנץ שנעל אנערקענט אז דער דיין איז גערעכט, ס'איז נישט קיין תכלית אזוי, און קעגן מיין בעל הבית'נס ווילן בין איך צוריקגעגאנגען צו מיין פריערדיגן ארט.

~

פון יענעם טאג איז די שטימונג צווישן אונז כסדר געווען אנגעצויגן, ווערנדיג וואס אמאל ערגער. ס'האט זיך געשלעפט אזוי פאר א יאר צייט, ביז אין א טאג האט ער מיר אויפגעהערט ארויסגעבן ארבעט. אריינקומענדיג אינדערפרי ווען איך האב אים געפרעגט וואס ס'איז דא צו טון, האט ער מיר קאלט געענטפערט אז ס'איז נישט דא קיין ארבעט. אויף מיין פראגע ווען ס'וועט זיין, האט ער מיר געזאגט, "אין צוויי חדשים ארום..."

על דרך לא דרך האב איך מיך אליין מסדר געווען און געטראפן וואס צו ארבעטן אן דעם וואס ער זאל מיר זאגן. ער האט אבער פרובירט וואו ער האט געקענט מיך ארויסצושטופן פון דארט, אוועקנעמענדיג פון מיר געוויסע בענעפיטן, מיך כסדר איגנארירט, און בכלל געזוכט מיך צו מאכן ענג אויף יעדן אופן מעגליך, כאטש דער וועכנטליכער געהאלט וואס איז געלאפן אטאמאטיש האב איך ווייטער באקומען.

**איך האב ממש נישט געגלייבט מיינע אויערן הערנדיג די ווערטער. ס'האט מיר געקלונגען ווי א בת קול פון הימל. פונקט דאס וואס האט מיר געמאכט פארלירן מיין פריערדיגע שטעלע איז דא אן אוועקגעשטעלטן "ביזנעס פאליסי" צו וואס יעדער מוז זיך צושטעלן.**

**איך האב באשלאסן אז ס'איז טאקע נישט עפעס אנדערש ווי א בת קול, א רוף מן השמים אז דער אויבערשטער האט מיך נישט פארלאזט צוליב מיין זיך האלטן שטארק און ערליך, און אנגענומען מיין קבלה אין שמירת עינים.**

פארשטייט זיך אז אז מיין חשק אין דער ארבעט איז געווארן אלץ ווייניגער, און דאס האט געברענגט אז איך זאל אנהייבן אריינקומען שפעט, ווערן אומ'מסודר'דיג מיט מיינע פליכטן, אא"וו. פון צייט צו צייט האט מיר מיין בעל הבית אנגערופן, היתכן איך בין נישט צייטליך, און איך האב געענטפערט אז פון מיין זייט בין גרייט צו ארבעטן, איך באקום פשוט נישט וואס צו טון, דעריבער הינקעט עס אונטער.

~

זעענדיג אז דער מצב טויג נישט, האב איך געטראכט צו נעמען אויף מיר א דבר טוב פאר א סגולה איך זאל געהאלפן ווערן, און איך האב אנגעהויבן טון פארשידענע פארשפרייטע סגולות.

אין א טאג איז מיר אונטערגעקומען צו דער האנט אייער גליון, און איך האב געזען ווי איר ברענגט פונעם היילגן חתם סופר אז דער עיקר סגולה פאר א מענטש איז צו טון עפעס וואס קומט אים אן שווער, דוקא דארט וואו ער שפירט אז ער דארף א תיקון אין דעם שטעקט זיין ישועה. אזוי אויך האב איך געזען אין איינעם פון אייערע גליונות די וויכטיגקייט צו מתפלל זיין אז מ'זאל קענען ביישטיין די נסיונות.

וויסנדיג ביי מיר איבער א געוויסער זאך אין שמירת עינים, וואס איז אפשר נישט אסור מן הדין אבער איך האב פארשטאנען אז ס'דארף א תיקון, האב איך מחליט געווען אז דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל פון מיר יעצט. איך האב אנגעהויבן מתפלל זיין אויף דעם ענין, בעטן ביים אויבערשטן ער זאל מיר געבן די כוחות זיך צו שטארקן אין דעם, און ב"ה נאך א קורצער צייט האב איך געטראפן אן עפעקטיוון מהלך ווי אזוי צו ארבעטן דערויף. איך האב דאס טאקע מקבל געווען אויף מיר, און אפגעמאכט צו זיין נזהר אין דעם פאר פערציג טעג.

אינעם פערציגסטן טאג באקום איך א טעלעפאן רוף פון מיין בעל הבית. "איך זע דו קומסט נישט אריין אין צייט און דו ארבעטס נישט", האט ער מיר געזאגט מיט א בלעכנקייט, "ביזט דעריבער אפגעזאגט פון דיין שטעלע".

איך האב געשפירט אז עפעס העכערס ליגט דא באהאלטן. פונקט יעצט, אינעם פערציגסטן טאג פון מיין קבלה, ווער איך ארויסגעווארפן? ס'מוז זיין אז ס'איז דא דערין א געוואלדיגע טובה.

למעשה האבן מענטשן טאקע געהערט אז איך בין ארויס, און מ'האט מיר אנגעהויבן רופן צו טון פארשידענע קאמפיוטער טעכניק, פון וואס איך האב געהאט אויף צום לעבן. ס'איז מיר אבער געווען היבש שווער אן א געהעריגן געהאלט, איך האב געזוכט עפעס א באשטימטן ארבעטס פלאץ וואו איך וועל קענען זיין מסודר. פארשטייט זיך אז איך האב מיך ווייטער מחזק געווען א גאנצע צייט מיט שמירת עינים.

~

אין א טאג האב איך באגעגנט מיינעם א חבר. מיר האבן אנגעהויבן שמועסן ווי חברים, און בתוך

הדברים פארציילן איך אים אז איך בין א טעקנישען און איך זוך יעצט אן ארבעט. "אזוי?" זאגט ער מיר, "איך ווייס גראדע פון עמיצן וואס זוכט יעצט א טעקנישען, קענסט אים פרובירן צו רופן".

איך האב יענעם אנגערופן, און נאך בלויז עטליכע מינוט זאגט ער מיר אז ער שפירט אז איך בין טאקע פונקט צוגעפאסט צו וואס ער זוכט. ס'איז געגאנגען אזוי ווייט, אז כאטש געווענליך דויערט עטליכע וואכן ווילאנג מ'פרעגט זיך נאך און מ'איז אלעס מסדר, האט ער געוואלט אז איך זאל שוין יענעם טאג אריינקומען. בו ביום האב איך נישט געקענט, אבער דעם קומענדיגן טאג בין איך געווען ביי אים, און ער האט מיר אנגעטראגן גאר א שיינעם געהאלט מיט גוטע טערמינען.

צווישן אנדערע זאגט ער מיר, אז ביי אים אין ביזנעס איז דא איין שטארקער פרינציפ וואס ווערט שטארק איינגעפירט: יעדער ארבעטער דא דארף זיין אויף אן אופן וואס שטערט נישט פאר אנדערע; אויב יא, מוז ער גיין אין אן אנדערן צימער. פאר א ביישפיל ערקלערט ער מיר, אז ס'זענען דא אזעלכע וואס ס'שטערט זיי צו ארבעטן אינאיינעם מיט פרויען, ממילא כאטש ס'קען אסאך מאל שפארן געלט און ארויסהעלפן דעם ביזנעס, וויבאלד אבער ס'שטערט פאר געוויסע, איז נישט דא דא אזא זאך אז יונגעלייט ארבעטן מיט פרויען אין איין צימער...

איך האב ממש נישט געגלייבט מיינע אויערן הערנדיג די ווערטער. ס'האט מיר געקלונגען ווי א בת קול פון הימל. פונקט דאס וואס האט מיר געמאכט פארלירן מיין פריערדיגע שטעלע איז דא אן אוועקגעשטעלטן "ביזנעס פאליסי" צו וואס יעדער מוז זיך צושטעלן. איך האב באשלאסן אז ס'איז טאקע נישט עפעס אנדערש ווי א בת קול, א רוף מן השמים אז דער אויבערשטער האט מיך נישט פארלאזט צוליב מיין זיך האלטן שטארק און ערליך, און אנגענומען מיין קבלה אין שמירת עינים.

וואס שייך דער ארבעט, ס'איז ממש א זעלטנהייט צו טרעפן אזא גוטן פלאץ מיט אזא געשמאקער אטמאספער, דערצו דאס געהאלט וואס איך באקום מיט אזעלכע בענעפיטן. ועל כולם האב איך דעם גוטן געפיל אז איך האב מיך נישט געדארפט ברכן צו טון עפעס וואס איך זע אלס אומאויסגעהאלטן.

אז איך כאפ א בליק אויף צוריק, דאנק איך דעם אויבערשטן פאר'ן מיר געבן דעם קוראזש און שטארקייט צו ביישטיין דעם נסיון. קוקנדיג אויפ'ן גאנצן בילד זע איך אז איך האב גארנישט דערלייגט!

**איבערגעגעבן דורכן בעל המעשה**

**סיפור #20**

# נישט דערלייגט פון נישט גיין אנליין און אין וואלמארט

עס דערציילט א איד:

איך האב געזוכט צו קויפן א געוויסן טיש, און מענטשן האבן מיר געזאגט אז איך קען עס טרעפן אנליין אדער אין וואלמארט, איך האב מיך אבער געהאט פארגענומען אז איך קויף נישט אנליין און איך גיי נישט אין וואלמארט. איין טאג, נאך א לאנגער צייט וואס איך האב געזוכט דעם טיש, האב איך געבעטן דעם אויבערשטן אז אין זכות וואס איך היט מיינע אויגן זאל איך טרעפן וואס איך זוך אין א אידישן געשעפט, און נאך יענעם טאג האב איך געטראפן אין א געשעפט ממש דאס וואס איך האב געזוכט פאר גאר א גוטן פרייז.

**מפי בעל המעשה**

## מכתב התחזקות:

**המשך פון זייט 1**

און דאס קען מען קונה זיין דורכ'ן זיך מתבונן זיין, לאו דוקא ווען מ'איז שוין אין גאס, נאר פארדעם: "איך בין א איד, און איך בין העכער פון אלע נארישקייטן פון די נידריגע גוים ווי אזוי זיי פירן זיך און גייען אנגעטון. ס'גייט מיר נישט אן צו זען און צו טראכטן דערפון." דאס מיינט אוודאי נישט אז אויב מ'האט א נסיון זאל מען זיך נישט שלאגן דערמיט און זיך מתגבר זיין, אבער איידער דער נסיון איז דא, קען מען זיך אויפבויען צו קוקן מיט ביטול אויף דער גאנצער זאך.

אז מ'טראכט אריין, זעט מען אז דאס איז למעשה דער ריינער אמת. בין איך דען טאקע נייגעריג ווי אזוי די צווי פיסיגע חיות פירן זיך אויף? איך בין דאך אסאך העכער פון דעם, איך האב נישט קיין שום אינטערעסע צו קוקן!

דער הסבר פון דער עצה איז זייער פשוט. ווייל פארוואס קען זיך א מענטש אסאך מאל טאקע נישט קאנטראלירן כאטש ער וויל באמת נישט קוקן? די סיבה איז, ווייל דאס עצם קוקן וויל ער טאקע נישט, ווייל די תורה זאגט אז מ'טאר נישט, אבער די הנאה וואס ער טראכט אז ער וועט האבן פון קוקן, דאס וויל זיין גוף יא, ממילא דארף ער זיך כסדר קריגן מיט זיין גוף און אים בייקומען מיט'ן שכל וואס זאגט אים אז די תורה לאזט נישט. ס'איז גליך צו א קינד וואס האלט א צוקערל אין דער האנט, און מ'זאגט אים, "עס עס נישט, ס'האט נישט קיין גוטן הכשר". ער וועט נישט אויפהערן טראכטן פון דעם צוקערל, ווייל באמת איז עס גוט, ער קען עס נאר נישט עסן ווייל ס'האט נישט קיין גוטן הכשר.

ווי וועט אבער זיין אויב מ'זאגט אים, "עס נישט דאס צוקערל, ס'איז אינגאנצן ווערימדיג". דעמאלטס וועט ער מער נישט טראכטן דערפון, ס'גלוסט אים בכלל נישט, ס'איז דאך אינגאנצן ווערימדיג!" אזוי איז אויך ביי שמירת עינים, אויב ווייסט ער אז די זאך איז פארדארבן, ס'איז פארפוילט, דארף ער עס מער, ס'איז עפעס וואס ס'אינטערעסירט אים בכלל נישט.

ס'איז אבער וויכטיג צו געדענקען וואס די ספרים הקדושים לערנען אונז, אז דעם שכל קען מען נאר ניצן פאר אדער נאך א נסיון; בשעת'ן נסיון דארף מען וויסן נאר איין זאך: "וימאן" - איך וויל נישט! און מ'דארף זיך נישט פילן געטראפן אז מ'האט א נסיון, ווייל א מענטש איז נאר א מענטש, יעדער האט א יצר הרע, און נישט אייביג איז ער גענוג ביים זינען צו קענען טראכטן גראד.

אבער באופן כללי, פאר דער נסיון איז דא, דארף מען זיך אוועקשטעלן אז מ'זאל בכלל נישט ווילן זען. און אזוי וועט מען לעבן רואיג און צופרידן און שפירן א זיסקייט אין שמירת עינים!

ברכה און הצלחה אין אייער הייליגער ארבעט!

(-)


**קויפט זכותים!**
יעצט אין די ימי השובבי"ם

**זכות הוצאות הגליון**
$1,200
~
**זכות הפצת הגליון**
$1,200
~
**זכות 5,000 גליונות** - $500
~
**זכות 4,000 גליונות** - $400
**זכות 3,000 גליונות** - $300
**זכות 2,000 גליונות** - $200
**זכות 1,000 גליונות** - $100
לכה"פ
~
מיט דעם העלפט איר פארשפרייטן ביי כלל ישראל העכער **50,000 גליונות** אויף שמירת עינים!

צו מנדב זיין רופט
"הוצאות טהור עינים"
**802.327.3592**

**זכות הוצאות הגליון**
נקנה ע"י
מוה"ר **יואל** ברא"ש **שווארטץ** הי"ו
לרגל ארוסי בנו הבה"ח כמר מרדכי ני"ו למז"ט עב"ג בת מוה"ר יואל בר"ש פרידמאן הי"ו
~
השי"ת יעזור בזכות זיכוי הרבים שהזיווג יעלה יפה ויתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא

**זכות הפצת הגליון**
נקנה ע"י
מוה"ר **יושע מאשקאוויטש** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
~
השי"ת יעזור שזכות זיכוי הרבים יעמוד לו ולזרעו שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא

## זיך דערווייטערן דאס מערסטע וואס שייך

א גרויסן יישר כח פאר אייער חשוב'ער ארבעט. ספעציעל האב איך הנאה געהאט פונעם חלק ההלכה וואס איר האט געשריבן אינעם חנוכה גליון, איבער שחוק וקלות ראש פון נשים.

איך וויל מוסיף זיין אן אינטערעסאנטע תשובה פון **שו"ת מגד שמים** (סי' מג), פון איינעם פון די גרויסע גדולים פאר בערך 170 יאר צוריק.

אין דער שאלה ווערט ער אנגעפרעגט איבער א שטאט וואו ס'איז געווען איינגעפירט א תקנה אז נישט בלויז זאלן זיך מענער נישט שפילן אינאיינעם מיט פרויען, נאר זיי זאלן זיך בכלל נישט געפינען אינעם זעלבן צימער וואו פרויען שפילן זיך, אפילו ארויסצונעמען פון דארט פאפירן וואס מ'דארף האבן. געוויסע פון דער קהלה האבן אבער גע'טענה'ט אויף דער תקנה אז ס'איז צו שווער אויסצופירן, ס'איז א דבר שאין רוב הציבור יכול לעמוד בה, און דעריבער האבן זיי געוואלט אז מ'זאל דאס מבטל זיין.

דער בעל מגד שמים ענטפערט מיט א לענגערער תשובה, וואו ער שרייבט צווישן אנדערע אז די תקנה איז זייער א גוטע זאך, ווייל **"צי קען דען א מענטש אנשעפן פייער אין זיין שויס און זיינע קליידער זאלן נישט פארברענט ווערן? צי קען דען א מענטש גיין אויף גליענדע קוילן און זיינע פיס זאלן נישט אפגעבריט ווערן?"** (ע"פ משלי ו, כז-כח).

# מכתבים למערכת:

### לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

מיר ווייסן, שרייבט ער, וואס חכמינו ז"ל זאגן אונז ביי דעם ענין פון עריות, "לך לך אמרי נזירא, סחור סחור לכמרא לא תקרב" - ס'איז א משל פון א נזיר וואס מ'זאגט אים ער זאל שטיין ווייט און זיך נישט דערנענטערן ארום און ארום דעם גאנצן פלאץ פון א ווייגארטן, אויף אזא אופן דארף מען זיך דערווייטערן פון עריות.

און דעריבער, פירט ער אויס, קען מען נישט מתיר זיין די תקנה, אז מענער זאלן זיך געפינען אין א שטוב וואו פרויען שפילן, כדי מ'זאל חלילה נישט צוקומען נאכגעשלעפט צו ווערן נאכ'ן יצר הרע. און הבא ליטהר מסייעין אותו מן השמים ושומר מצוה לא ידע דבר רע, פון הימל העלפט מען אים ער זאל טאקע קענען זיין אפגעהיטן. מיט אן אמת'ן רצון און סייעתא דשמיא קען זיך יעדער מענטש מתגבר זיין אויף זיין יצר הרע. ע"כ.

(-)

## "וואס, עס זענען דא דארט ראיות אסורות?"

איך האב זייער הנאה געהאט פונעם לעצטן גליון **"הרגל נעשה טבע"** ווי עס איז געווארן ארויסגעברענגט שיין, פאזעטיוו, דער ריכטיגער צוגאנג צו שמירת עינים. איך וויל מוסיף זיין א שיינע סיפור וואס ברענגט ארויס וויאזוי געהויבענע אידן האבן געלעבט מיט אזא רגילות אין שמירת עינים עד כדי כך אז זיי האבן אפילו נישט געוויסט אז אין די גאסן וואס זיי אליין גייען טעגליך איז אויסגעלאסן (הסיפור מובא בקונטרס והאר עינינו עמ' 27):

א יונגערמאן איז אמאל אריינגעקומען צו **הגאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל**, און אים געפרעגט בנוגע א געוויסן וועג צי עס איז אויסגעהאלטן צו גיין דורך דארט אלס "איכא דרכא אחרינא".

אינמיטן פרעגן די שאלה האט זיך דער יונגערמאן פלוצלינג געכאפט אז הג"ר משה אליין ניצט דעם וועג יעדן טאג גייענדיג אין ביהמ"ד. האט ער אים געגעבן א פרעג, **"אויף וואס פארלאזט זיך טאקע דער רב צו גיין דורך דעם וועג?"**

הג"ר משה פיינשטיין איז געווארן פארוואונדערט הערנדיג די שאלה. **"וואס רעדסטו, עס זענען דא אויף דעם וועג ראיות אסורות? איך האב קיינמאל נישט אין אכט גענומען!"**

(-)

## הערה בדיני שחוק וקלות ראש

ראשית כל, יישר כחכם על הגליון הנפלא.

רציתי להעיר הערה חשובה על גליון האחרון, שהיה בו הלכות בענין התרחקות מנשים השכיחות בימי החנוכה, מה ששמעתי מרב חשוב ומוסמך מאוד, וכן כתוב בספר **חוט השני** להגאון רבי **נסים קרליץ** זצ"ל (הלכות צניעות), שלא רק שאסור לשחוק **עם** הנשים, אלא גם לאנשים לבד אסור להם לשחוק ביניהם בצחוק מרובה כשנמצאים שם נשים בחדר. ולכן אף שביו"ד סי' קצה כתב בשו"ע "לא יקל ראש ולא ישחוק **עמה**", באה"ע סי' כא כתב "לא יקל ראש או ישחוק **כנגדה**".

צא וראה עד היכן מגיע ה"צריך להתרחק מאד מאד"!

בברכה ובהוקרה
**אברהם בנימין בירנהאק,**
לונדון

## די געוואלדיגע שמירה וואס דאס אויג פארמאגט

ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביים דאקטער מיט א קינד וואס האט געכאפט א שניט אונטער'ן אויג. האט מיר דער דאקטער ערקלערט, אז וועגן דעם האט א מענטש די אלע ביינער ארום דעם אויג, דאס איז צו היטן אויפ'ן אויג ס'זאל נישט געשעדיגט ווערן.

הערנדיג דאס האב איך געטראכט צו מיר, דער אויבערשטער האט געמאכט אזא שמירה אויפ'ן טייערן אויג און עס פארזיכערט קעגן גשמיות'דיגע סכנות, דארפן מיר אוודאי היטן דערויף און עס צוימען פון רוחניות'דיגע סכנות! (-)

## די ווייטגרייכנדע השפעה פון א בליק

**הרה"ח ר' נח קליין שליט"א** אין זיין ספר **"באבדן מולדתי"** (דף סח) פארציילט איבער זיין נסיעה וואו ער איז געפארן מחזק זיין די אידן אין תימן. זאגט ער אז ער איז געפארן מיט א קבוצה ארטיגע אידן זיך משתטח זיין אויפ'ן קבר פון **הרה"ק רבי שלום שבזי זצ"ל**, און ער האט געפרעגט פון די אידן וואס זיי קענען נאכזאגן עפעס פון אים, האבן זיי אים פארציילט פארשידענע מופתים.

האט ער זיי געפרעגט צי זיי ווייסן אויך א מעשה טוב וואס מ'קען זיך עפעס אפלערנען דערפון. האט איינער פון די אידן פארציילט, אז רבי שלום פלעגט גאר שטארק נזהר זיין אין שמירת עינים, און אפילו ווען ער פלעגט גיין צום ארטיגן שלטון שתדל'ען פאר אידנסוועגן האט ער נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן!

האט זיי ר' נח פארציילט וואס ער האט געהערט וואוינענדיג אין ירושלים **פון הגה"צ רבי בנציון ליכטענשטיין זצ"ל**, א זון פון **הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זצ"ל**, וואס ער האט נישט געהאט קיין קינדער און ר' נח פלעגט אים באדינען אויף די עלטערע יארן.

האט אים הגה"צ רבי בנציון געשילדערט ווי אזוי זיין הייליגער טאטע פלעגט צו גיין אין מארק און זיך דארט אויפגעשטעלט דרש'ענען פאר אלע סוחרים וועלכע האבן זיך געשטעלט ארום אים. ער האט שטארק מעורר זיין די אידן אויף שמירת עינים, שמירת הלשון, צו האנדלען ערליך, אא"וו.

פלעגט ער זאגן מורא'דיגע ווערטער, **אז קוקן אויף דברים אסורים איז גורם גרויסע היזקות פאר'ן נפש. אפילו ווען דער מענטש איז שוין לאנג אינדערהיים און ער איז מער נישט אויפ'ן וועג, און אפילו ס'איז שוין אריבער א לאנגע צייט, וועט אבער דער יצר הרע קומען צו אים מיט די אלע זאכן וואס ער האט אמאל געזען. דערצו האט דאס א השפעה אויף זיינע בני בית און אויף זיינע זין און טעכטער. דעריבער דארף מען שטארק תשובה טון אז מ'זאל זוכה זיין צו פארגעסן אלעס וואס מ'האט געזען.**

איבערגעגעבן דורך אן אייניקל

הוצאות
**טהור עינים**
Gon. Tahor eineyim | 802.327.3592

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe Ny 10950

**על הטוב יזכר**

מוה"ר **כל הנדבנים החשובים** הי"ו
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
**ובס"ה קנו זכות האדור של 11,000 גליונות**

~

**זכות 3,000 גליונות נקנה**
לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרוביניץ** זי"ע

~

**זכות 2,000 גליונות נקנה**
לע"נ **הרה"ח ר' מאיר יהודה ב"ר אליקים געצל ז"ל**

**ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:**

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**

~

הר"ר **חיים מיכל שווארץ** הי"ו
לע"נ זקינו **יצחק שלמה ב"ר אליעזר דוד הלוי** ז"ל - כ' טבת

~

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**

~

לע"נ הרה"ח **ר' יעקב דוב ב"ר מאיר ז"ל פריעדמאן** - ג' כסלו

~

לע"נ **חנה ב"ר אברהם שמואל** ע"ה

**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

**צו העלפן פארשפרייטן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת**

**תודתינו נתונה**
למכון "קונטרס" על עזרתם להצלחת הגליון
קונטרס
845.210.6668